# משנתו

מאמרים, מאורעות ופעולות בתוככי היהדות הנאמנה ההולכים לאורו של

## מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע

יו"ל ע"י תלמידי וחסידי סאטמאר - ארה"ב

שנה ו' גליון קפ"ח | מטות-מסעי - דברים תשפ"ה לפ"ק


עוֹלָלֶיהָ הָלְכוּ שְׁבִי לִפְנֵי צָר

# אידישע בחורים אין ציוני'סטישע טורמעס ר"ל

- **פרעצעדענטלאזער שריט:** דריי בני ישיבות, ארעסטירט ביי הפגנה קעגן חילול קברי ישראל אין 'יאהוד', איבערגעגעבן געווארן צו מיליטערישע פאליציי
- **נייער נידריגער שטאפל:** שארפער אפנויג פון ביז היינטיגן אפמאך אז מען גיבט נישט איבער צו
- מיליטערישע פאליציי; איז פאקטישער אנהויב פון מאסן ארעסטן וואס זיי פלאנירן הי"ת
- שטורמישע מחאות אין ירושלים עיה"ק דעם מיטוואך, נאך באפעל פון פוסק הדור מרן הגאב"ד שליט"א צו שליחא דרחמנא הר"ר שמעון שישא




- דאס איז איוסער אומצאליגע מאסן ארעסטירטע בחורים אין לופט-פעלדער וכדו' טאג נאך טאג
- מיליטער פראפאגאנדירט איבער 'באהאלטענע פלענער' וויאזוי צו ארעסטירן מאסן בחורים אין קומענדיגע "זומער וואקאציע" טעג, רח"ל

## ויזנב בך כל הנחשלים אחריך

**באריכטן איבער צאל בחורים פון 'טאפ' חרדי'שע ישיבות וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן צום טריפה'נעם מיליטער רח"ל!**

אומבאשטעטיגטע -האפנטליך פאלשע- באריכטן דערציילן איבער אזויפיל ווי נאך 120 "ישיבה בחורים"! וועלכע זענען אין פראצעדור פון זיך רעקרוטירן, נאכ'ן ווערן פרוסטרירט פון אומגעהויערע שוועריגקייטן




190 חרדים זיך ליידער אנגעשלאסן צו א.ג. 'חרדי'שע' חשמונאים בריגאדע — אומאויפהערליכע פראפאגאנדע דורך מיליטער פאר א.ג. 'פרומע' בריגאדעס

## עמלק מיט הוט און רעקל:

איבערגעפרישטע ערשיינונג פון געמיינע "גייסים" איבערצורעדן בחורים זיך צו רעקרוטירן שטארק געשטיגן, און ליידער מיט טיילווייזע 'סוקסעס' ה"י

**קצת אור בתוך חשיכה:** מדינה שטעלט ארויס ציפערן: פון 1,200 געשטעלט ביז איצט פון צווישן 24,000 געראפענע, האבן זיך רעקרוטירט ביז יעצט 422 — 98 פון זיי דינען פאקטיש אין טמא'נעם מיליטער ר"ל (און די אנדערע? זענען 'ווארשיינליך' געהאלפן געווארן דורך מרכז עזרה ויעוץ...)

### ראשי העסקנים אפעלירן: אתה ישן והוא ער לך!

# נאך אזויפיל יארן וואס מ'האט רעדן און רעדן פון גזירת הגיוס, איז עס יעצט א שרעקליכער מציאות! גזירה ווערט ערגער פון טאג צו טאג! מיר טארן נישט שווייגן!

משה יודא יואל ווייס

# קאמף קעגן טריפה'נע שקאלעם אין ארה"ק



**פארזעצונג פון פריער:**

לודוויג אויגוסט פראנקל גייט אָן ווייטער מיט זיין פרעכהייט און ברעכט אויף די שוידערליכע פירצה בחומות ירושלים טראָץ דעם הארבן חרם פון גדולי ירושלים.

פראנקל לאכט זיך אויס, זייענדיג נאנט פארבינדן מיט'ן מאכטפולן עסטרייכישן קאנסול. די ירושלים'ער אידן באשליסן צו בעטן נאך הילף.

אין עסטרייך האט די מלוכה יענע תקופה שארף באקעמפט די באוועגונגען פאר רעפארם און רעוואלוציע, וואס האט זיי אויך געברענגט צו באקעמפן פרואוון צו רעפארמירן רעליגיע.

**און אצינד לייענט ווייטער:**

דער עסטרייכישער קאנסול, מיט וועמען פראנקל האט אנגעקניפט נאנטע באציאונגען, האט געשטעלט די שולע אונטער זיין שוץ, וואס האט געגעבן א כמו-אפיציעלן סטעמפל פאר די שולע, און געשאפן א בילד כאילו ווער עס באקעמפט די שולע קעמפט ער מיט די עסטרייכישע רעגירונג זעלבסט.

פאר די ערליכע אידן וואלט דאס נישט געווען קיין אפהאלט. זעענדיג דערין אזא שוידערליכע פירצה בכרם בית ישראל זענען זיי געווען גרייט צו קעמפן מיט מסירות נפש דערקעגן, אבער פון די אנדערע זייט, זיך איינרייסן מיט'ן עסטרייכישן קאנסול, וואס מיינט בעצם זיך איינרייסן מיט די עסטרייכישע קעניגרייך, איז עפעס וואס וואלט געברענגט אסאך צרות פאר אידן אין ירושלים, בפרט אפשטאמיגע פון עסטרייך און ארומיגע לענדער.

## א ברודער אין וויען

בצר להם, האבן די ערליכע אידן אין ירושלים עיה"ק זיך געוואנדן צו זייערע ברידער אין וויען, וואו עס האבן נאך געוואוינט דאן אסאך ערליכע אידן, און געבעטן צי זיי קענען טון עפעס ארויסצוהעלפן די אידן אין ירושלים עיה"ק קעגן דעם געפארפולן שריט.

ווי שוין דערמאנט, האט דאן געוואוינט אין וויען הרה"ח ר' יצחק (איגנאץ) דויטש ז"ל. - וואס ער איז געווען פון די פרנסי הקהלה, ווי אויך פון די גבאים פון "כולל עסטרייך", און ער איז געווען דער וועלכער האט ארגינעל געווארנט די ירושלים'ער אידן איבער'ן קאמף וואס דערנענטערט זיך צו זייער טיר, נאכ'ן זען פראנקל'ס פלענער אויסגערעכנט אינעם ביכל "קול מבשר".

ר' יצחק האט מיטגעהאלטן פונקטליך די איבערקערעניש וואס גייט פאר אין ירושלים, און ער האט זיך געוואנדן צו די עסטרייכישע אויסערן מיניסטעריום, מיט וועמען ער האט אויך געהאט פארבינדונגען.

אין זיין בריוו דערציילט ר' יצחק אז פראנקל איז געקומען קיין ירושלים מיט'ן ציל דורכצופירן רעפארמען אינעם אידישן דת רח"ל, און ער בעט אז זיי זאלן אויפפאדערן דעם עסטרייכישן קאנסול אפצושטעלן די שענדליכע פלענער.

## ווארענונג קיין קאנסטאנטינאפל

ר' יצחק האט גוט געוואוסט וועלכע קנעפלעך צו דרוקן... ביי די עסטרייכישע קעניגרייך אין יענע יארן איז דער באגריף פון "רעליגיע רעפארם" געווען א 'רויטע שמאטע', ווי געזאגט, ביי זיי איז יעדער סארט רעפארם באטראכט געווארן ווי א געפאר פאר די רעגירונג'ס אייגענע עקזיסטענץ.

דער עסטרייכישער געזאנדטעטער אין קאנסטאנטינאפל (קושטא) - די טערקישע הויפטשטאט, וועלכע האט דאן געהערשט איבער'ן מיטל מזרח, און וואו עס האט זיך דעריבער געפינען דער הויפט דיפלאמאט פאר'ן גאנצן ראיאן, וואס ער איז אויך געווען דער 'באלעבאס' פונעם קאנסול אין ירושלים - איז געווארן אויפגעפאדערט דורך די רעגירונג צו מברר זיין פונקטליך וואס גייט פאר.

דער אויסערן מיניסטעריום האט קלארגעשטעלט פאר'ן אמבאסאדאר אין טערקיי אז סיי וועלכע רעפארם-פרואוון אינערהאלב די אידישע קהלה אין ירושלים עיה"ק זאל זאפארט ווערן אפגעשטעלט, און אז דער עסטרייכישער קאנסול זאל נישט צושטעלן קיין שטיצע פאר אזא אונטערנעמונג.

ער האט באלד אריבערגעשיקט א בריוו קיין ירושלים צום לאקאלן קאנסול, אז ער זאל נישט ערלויבן פראנקל דורכצופירן קיין שום רעפארמען, נאר אויסשליסליך אים העלפן עפענען א לערן-אנשטאלט און נישט קיין שום אנדערע באוועגונג.

## קאמישער אבער גורל'דיגער 'אויספארשונג'

פארשטייט זיך אז אזא קלארע ווארענונג האט דער קאנסול אין ירושלים נישט געקענט באזייטיגן.

פון די אנדערע זייט האט ער געהאט פערזענליכע באציאונגען מיט פראנקל. ווען ער האט יענעם אפירגענומען האט ער געלייקנט שטיין-און-ביין. הייבט זיך נישט אָן די גאנצע מעשה, ס'איז א בלויזער בלבול. אדרבא, ער איז דירעקט אַן ערליכער איד, סך הכל וויל ער בלויז 'פארבעסערן' דעם חינוך, און נאר די 'פאנאטישע' 'צוריקגעשטאנענע' ירושלים'ער אידן זוכן אים צו באקעמפן.

יעצט איז געווארן א קאמישער ספעקטאקל, ווען דער עסטרייכישער קאנסולאט האט באשלאסן דורכצופירן אַן 'אויספארשונג' צו דערגיין ווער איז גערעכט. פראנקל וואס זאגט אז 'ער מיינט גארנישט', אדער די ירושלים'ער אידן וועלכע באשולדיגן אז ער זוכט צו רעפארמירן דעם ערליכן חינוך.

דער קאנסול האט אויפגעפאדערטביידע זייטן פארצושטעלן זייערע טענות.

## דער כיטרער רשע

ירושלים אין יענע יארן, בפרט די אשכנזי'שע קהלה, איז געפירט געווארן דורך די "ראשי הכוללים". אנדערש ווי היינט, וואס א "ראש הכולל" איז דער וועלכער פארמירט דעם סדר הלימוד וכדו', און די הנהלת הכולל פארעט זיך מיט שאפן די נויטיגע געלטער, זענען דאן די "ראשי הכוללים" געווען די וואס האבן געהאט די אויפגאבע צו שאפן געלטער פון חוץ לארץ און עס פארטיילן צווישן די ירושלים'ער איינוואוינער, וואס דער איבערוויגנדער מערהייט האט געלעבט על התורה ועל העבודה, אדאנק די געלט-שטיצע געשיקט דורך זייערע ברידער אין אויסלאנד, וואס האבן פארשטאנען די גרויסע זכי' פון שטיצן די הייליגע אידן אין הייליגן לאנד.

כ"ג תמוז תרט"ז - קנאפע 170 יאר צוריק - האט זיך געעפנט דער "לעמל שולע", ערגעץ אין יענע צייט האט ר' יצחק זיך געוואנדן צו די עסטרייכישע רעגירונג, און דורכאויס די פאלגנדע מאנאטן האט דער קאנסול אויפגעפאדערט די ירושלים'ער אידן צוריקצוקומען מיט א תשובה און איבערצייגן וואו עס ליגן באהאלטן פראנקל'ס רעפארם פלענער.

דער רשע איז אבער געווען גאר כיטרע און ראפינירט. ער האט זיך פון פאראויס באווארנט.

(פארזעצונג קומט אי"ה)

על משמר החינוך
דרכי המלחמה עפ"י משנתו של מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע

## ער שעמט זיך...

עטליכע קורצע אנעקדאטן איבער הייליגע אקטיוויטעטן אינערהאלב אפיסעס פון **מרכז 'עזרה ויעוץ'** אין לעצטע טעג:

דאנערשטאג פרשת חוקת איז פארגעקומען א גרויסארטיגער עצרת מחאה אין שטאט יאהוד קעגן די שרעקליכע חיטוטי שכבי וואס קומען דארט פאר, פון דארט איז הר"ר שמעון אראפגעפארן צום דערנעבנדיגן שטאט 'נתני' מיטצוהאלטן א געריכט וועגן א בחור וואס איז ארעסטירט געווארן עטליכע טעג פריער.

ר' שמעון האט געארבעט ברוב עצה ותשיה און מיט גרויס סייעתא דשמיא געברענגט אז די קעיס זאל זיך שוין פאראיסרוקן, און דעם הילף פון א לויער, נאך וואס דער לויער ר' מנחם שטאובער הי"ו איז נישט געווען ביכולת זיך צו באטייליגן, וואס דעריבער האט ר' שמעון אליין גענומען די לייצעס אין די הענט אריין און אליין גענומען פירן דעם קעיס.

ווי ערווארטעט, האט ר' שמעון געזאגט אין געריכט אז ער האט אים פרובירט צו משכנע זיין ער זאל מסכים זיין צו נעמען א לויער פון די מיליטערישע פארטיידיגונג, אבער דער בחור איז געשטאנען פעסט אז ער וויל בשום אופן נישט ווערן פרעזענטירט דורך די מיליטער.

וויבאלד דער ארעסטאנט האט נישט געוואלט קיינער זאל אים פרעזענטירן, האט אים דער ריכטער געבעטן זיך אליינס צו פארטיידיגן. דער בחור האט געפרעגט פון ר' שמעון "וואס זאל איך זאגן?" און ר' שמעון האט "איבערגעטייטשט" פאר'ן ריכטער די ווערטער פונעם בחור, זאגנדיג אז דער בחור זאגט אז ער שעמט זיך צו רעדן און ער בעט "הוציאו כל איש מעלי..".

נו, אז דער בחור בעט, האט דער שופט באפוילן אלע אדוואקאטן וואס זענען געווען אנוועזנד זיי זאלן שוין פארלאזן דעם זאל. "נו יעצט קענסטו רעדן", ווענדט זיך דער ריכטער צום בחור, און דאן ווענדט זיך נאכאמאל דער בחור צו ר' שמעון פארלוירענערהייט "וואס זאל איך אים זאגן".

ווידער האט ר' שמעון געדינט ווי א "דאלמעטשער" און גע'טענה'ט אז טראץ וואס די אדוואקאטן זענען פארשיקט געווארן אינדרויסן, זיצן נאך אבער אינעווייניג די חברים צום צעל פונעם ארעסטאנט, און היות ער האט צו פארציילן פאר'ן ריכטער א הערכסט פריוואטע געשיכטע פון זיין יוגנט שעמט ער זיך עס צו פארציילן פארנט פון זיי.

דער ריכטער איז געווארן זייער נייגעריג צו הערן די "געשיכטע" פון דעם בחור, און ער האט זיך צוגעאיילט צו פארענדיגן שנעל די אנדערע קעיסעס פון די איבריגע ארעסטאנטן, דאן, מיט אנגעשפיצטע אויערן האט ער זיך אוועקגעזעצט צו הערן די "ווייטאגליכע געשיכטע".

דא האט ר' שמעון ערקלערט פאר'ן שופט אז ער קען שוין דעם בחור פאר לאנגע יארן, און אז ביי די זעכצן איז ער אריבער גאר א שווערע טראומא און עס איז אים זייער שווער צו רעדן דערפון. ער האט געבעטן אז ער וויל דרינגנד זען א פסיכיאטער.

דער ריכטער איז געווארן זייער באאיינדרוקט פון די געשיכטע און האט אויפ'ן ארט באפוילן אז מען זאל דעם בחור ברענגען ווי שנעלער פאר א דאקטאר, און עס איז צום האפן אז ביז א קורצע צייט וועט ער טאקע פטור ווערן פון זיי.

פון דארט איז ר' שמעון געפארן ארבעטן אויף די באפרייאונג פון צוויי ארעסטירטע ביי די שטורמישע פראטעסטן איבער די חילולי הקברים אין שטאט יאהוד.

פון דארט איז ר' שמעון געקומען צו לויפן צום אפיס, וואו ווי ער איז געזעצן שעות ברציפות, און געגעבן ראט און טאט פאר איבער 60 בחורים וואס זענען געקומען פאר הילף.

## ר' איד, איר זענט באפרייט...

א מערקווירדיגער אומשטייגערליכער מחזה האט זיך אפגעשפילט אין איינע פון די לעצטערע טעג אינעם אפיס, ווען עס איז אריינגעקומען א בחור וועלכער מוטשעט זיך שוין גאר לאנג מיטן מיליטער, און פארציילט מיט זארג פאר ר' שמעון אז מען האט אים היינט געהייסן אונטער חתמ'ענען אויף א צעטל אז א מעדיצינישע קאמיטע וועט אדורכקוקן זיין נושא, און ער האט נישט קיין אנונג וואס די קאמיטע באדייט. "דו האסט א פטור" האט ר' שמעון אויסגערופן באגייסטערט, "די צעטל וואס דו האסט אונטערגעשריבן באדייט אז דו ביסט ברוך ה' פטור געווארן!".

עס גייען נישט אריבער צוויי מינוט און נאך איינער ערשיינט, דער מוז ארויספארן קיין חו"ל קומענדיגע וואך צו די חתונה פון זיין ברודער, און ער פארציילט אויך אז ער האט באקומען עפעס א צעטל וואס עס שטייט דארט עפעס וועגן א מעדיצינישע קאמיטע און ער ווייסט נישט וואס דאס מיינט – "מזל טוב", האט ר' שמעון אים אויסגעשטרעקט די האנט מיט א שמייכל, "דו האסט באקומען א פטור, דו קענסט זאפארט ארויספארן". דער בחור האט נישט געקענט גלייבן וואס ער הערט.

אזוי רעדנדיג קומט אריין א דריטער, און... אויך ער פארציילט באזארגטערהייט איבער די צעטל וואס ער האט באקומען, וואס לויטעט אז א מעדיצינישע קאמיטע גייט זיצן אויף זיין קעיס. "דא האט איר א דריטער היינט מיט א פטור" האט ר' שמעון אויסגערופן. גלייך איז ארויפגעשטעלט געווארן לחיים מיט תיקון אויפן טיש, און די שטאב אין אפיס איז ארויס אין א טענצל...

**יכול לפטו"ר העולם**


ותגביה קרנינ"ו למעלה

## מאסיווער קאמפיין געלאזט אין גאנג אויפצוהייבן תמיכות אינערהאלב 'קרנות' בתובבי קרית יואל

גרויסארטיגע אקציעס ווערן פארגעברייט אין בתי מדרשים ברחבי העיר, מיט'ן ציל צו קענען דראסטיש העכערן נדבות פאר מנהלי המוסדות וועלכע קומען לקב"ץ על הגבאו"ת

## נייער גבאי קודש אויפגענומען אין בתי מדרשים אין שכונות 'דברי חיים' און 'זרע קודש' פאר לאקאלע קרנות

העסקן הוותיק הר"ר **משה אברהם פישער** הי"ו נתמנה געווארן אלס גבאי קודש, צוזאמצונעמען נדבות הציבור מתפללי הביהמ"ד למען מנהלי מוסדות עטה"ק – **בברכת צלח ורכב**

מחזיקים



ווארים-הארציגער דאנק בריוו דורך מנהל פון 'סעמינאר בנות לאה' עטה"ק, נאך הערליכע נתינה ערהאלטן פון 'קרן אברהם יוסף' אין ראמען פון 'מבצר הכוללים-קרית יואל'

מרכז עזרה ויעוץ

להצלת בחורי ישראל מצבא השמד ומכלא הציוני

מטעם הנהלת העדה החרדית

## "אמרו עליו על ר' שמעון יכול לפטור העולם"...



שיינער בריוול פון דאנקבארער געראטעוועטער בחור

### פארקויפן טויזנטער בחורים פאר נזיד עדשים?!

# חרדי'שע פארטייען יובעלירן נאך וואס 'ליכוד' פארטיי ווארפט ארויס יולי עדלשטיין פון פאזיציע אלס 'יו"ר ועדת חוץ ובטחון', אויפגעטוישט מיט בועז ביסמוט

- זוכן שוין וועג צוריק אין רעגירונג, נאך פרישע איינרעדענישן אז יעצט וועט זיי יא געלונגען דורכצופירן שרעקליכן פשרה'דיגן 'חוק הגיוס'
- ביסמוט פארשפרעכט פאראויסצורוקן חוק הגיוס דורכאויס די זומער מאנאטן ווען כנסת המינים איז אויף 'וואקאציע' [א גאנץ יאר געווינטשן...]
- מזרחי'סטישער מיניסטער סמוטריטש דעקט אויף חוק הגיוס בלאף: "דער חוק איז ממש א רעוואלוציע. די חרדים גייען מיט די אייגענע הענט שטימען פאר א געזעץ וואס באשטימט אז ביז 5 יאר דארפן 50% פון אלע בחורים יענעם יארגאנג אנקומען אין מיליטער – איך האב נישט געגלייבט אז זיי וועלן מסכים זיין!"
- פורים שפיל: אין די זעלבע צייט וואס חרדים זענען 'אינדרויסן', וועט פארקומען 'דין תורה' צווישן אגודת ישראל און דגל התורה, איבער דגל'ס פארלאנג אז אייכלער זאל איבערגעבן זיין פאזיציע אלס חבר כנסת המינים

## פולער מושב הבד"ץ בראשות מרן גאב"ד ירושלים שליט"א, לכבוד פאנטאסטישע נדבה פון הרבני הנגיד ר' בערל ווייס הי"ו פון לאס אנזשעלעס פאר מוסד הק' "קרן הצלה" (באזירט לויט 'מעטשינג פאנדס')





## 'הצלה קאלל' באישון לילה

בחור ארעסטירט נעבן 'קבר דוד המלך' אין אלט-שטאט ירושלים; פאליציי האט אים געוואלט אוועקפירן – בחור זיך פארבינדן מיט הר"ר שמעון שישא וועלכער איז געקומען צו לויפן, מען האט געטון די ריכטיגע השתדלות, און די מיליטער האט אויבן פלאץ געלאזט דעם בחור גיין



ר' שמעון מיט'ן ארעסטירטן בחור מינוטן נאך וואס פאליציי האט פארלאזט דאס ארט

# אוי רבוש"ע האב שוין רחמנות



הר"ר שמעון שישא, הר"ר דוד משה דייטש, אינאיינעם מיט'ן עו"ד מנחם שטאובער אינדרויסן פון בית משפט נאכן פארענדיגן א שווערן טאג פון מערערע ארעסטירטע ה"י



עו"ד פונעם מרכז מנחם שטאובער זיצט אויף אן אסיפה מיט די מצילים, עס קומט אריין היסטערישער רוף פון אן ארעסטירטער בחור אין לופט-פעלד, מנחם שמועסט אויס אויפ'ן טעלעפאן מיט'ן בחור זיינע קומענדיגע שריט

## א 'נארמאלער' טאג אין מרכז אפיסעס








## ברכת מזל טוב

לידידנו החשובים עוסקים בצרכי ציבור באמונה

הרה"ג ר' **פנחס שטערנבוך** שליט"א

נכדו חביבו ויד ימינו של מרן פוסק הדור גאב"ד ירושלים שליט"א ור"מ בישיבת הגאב"ד

לרגל **הולדת בנו** למז"ט

***

הר"ר **דוד יודא שפיטצער** הי"ו

עסקן נמרץ לטובת מרכז עזרה ויעוץ

לרגל **הולדת בתו** למז"ט

***

החתן **גדלי' ניימאן** ני"ו

עסקן נמרץ לטובת מרכז עזרה ויעוץ

**לרגל אירוסיו** בשטומ"צ

ויה"ר שאך טוב וחסד ירדפם כל ימי חייהם, ויוכלו להמשיך בעבודתם בקודש מתוך נחת והרחבה


**זיך מזכיר צו זיין פאר א ישועה ביי רבי שמעון בר יוחאי**

און שיקן א קוויטל וואס וועט ווערן פארגעליינט ביים ציון קודש הקדשים דורכ'ן בעל מסירת נפש הר"ר שמעון שישא שליט"א

רופט דעם עסקן המרכז בארה"ב הר"ר הערשל פר"מ הי"ו אויף 718.977.5227

להערות והארות אדער פאר מוסדות עטה"ק וועלכע ווילן אדווערטייזן אין אונזער גליון ביטע שיקן אן אימעיל צו mishnuso@gmail.com